יג. אח"כ אמר: אזוי ווי מ'האט גערעדט אודות "ואלה המשפטים" שזה ענין ששייך "בין אדם לחבירו", הנה זה קשור ג"כ עם הענין דמ"ת "אנכי גו'" (און ווי עס איז מרומז אין בריוו), איז דאך פאראן א מלוה מלכה וואס איז פארבונדן מיט "אם כסף תלוה גו'" שהוא ג"כ ענין ש"בין אדם לחבירו", איז דא דער גבאי, זאל ער אויסרופן - וואו, ווען, און וואס מ'דארף טאן, [כ"ק אד"ש ציווה לרי"ג שילביש שטריימל, ואמר הרי"ג: איך האב זיך ניט צוגעגרייט, ואמר כ"ק אד"ש: ניט צוגעגרייט איז בעסער, וסיפר רי"ג... וכשסיים, אמר כ"ק אד"ש: מ'זאל בא אים צונעמען דעם שטריימל, ווייל אויב ניט וועט ער ממשיך זיין...].

יד. בסיום הסדרה, זאגט רש"י "בתוך הענן - ענן זה כמין עשן הוא ועשה לו הקב"ה שביל בתוכו".

איז אין דעם ניט מובן:

א) וואס איז דא שווער אין פשוטו של מקרא, וואס רש"י דארף עס מפרש זיין, צי דען ווייסט מען ניט וואס עס מיינט ענן, אן דעם פירוש פון רש"י? ובפרט אז דער ווארט ענן שטייט שוין פריער אין תורה צענדליקער מאל און אויך אין דער זעלבער פרשה שטייט שוין פריער צוויי מאל ענן - איז אויב אן דעם פירוש רש"י ווייסט מען ניט וואס עס מיינט ענן, האט דאך רש"י דאס געדארפט מפרש זיין פריער?

ב) ענן, ווערט געטייטשט פאר אידישע קינדער אין חדר - וואלקן, און עשן מיינט - רויך, וואס דאס זיינען לכאו' צוויי גאנץ באזונדערע זאכן, און נאך מער, זיי זיינען קעגנגעזעצטע און פארקערט איינער פון צווייטן: ענן ווערט געשאפן פון מים און עשן ווערט געשאפן פון אש - היינט ווי קען מען זאגן אז "ענן זה כמין עשן הוא"?

ג) מיטן פירוש "ועשה לו הקב"ה למשה שביל בתוכו", קומט רש"י מבאר זיין, וואס איז לכאו' שווער: ווי איז משה דורכגעגאנגען דורכן ענן, און אויף דעם זאגט ער, אז דער אויבערשטער האט אין דעם ענן געמאכט פאר אים א שביל.

לפי"ז איז "ועשה לו וכו'" אן ענין בפני עצמו, וואס איז ניט פארבונדן מיט דעם וואס ער זאגט פריער "ענן זה כמין עשן הוא", (אזוי איז אויך מוכח פון גמרא, וואס זאגט אז דער אויבערשטער האט געמאכט פאר משה'ן א שביל אין דעם ענן, אבער עס שטייט ניט דארט אז דער ענן איז געווען כמין עשן), פון דעם אבער וואס א) רש"י שטעלט עס אריין אין דער זעלבער פיסקא "ענן זה כמין עשן הוא ועשה לו הקב"ה שביל בתוכו", און ב) רש"י זאגט "ועשה" מיט א וא"ו המוסיף איז משמע אז די צוויי זאכן קומען בהמשך איינער צום צווייטן, איז ניט מובן, צוליב וואס דארף עס רש"י כולל זיין צוזאמען די ביידע זאכן, וואס האבן לכאו' ניט קיין שייכות איינער מיטן צווייטן.

נאר רש"י האט דא געענטפערט א קשיא וואס איז שווער אין פשוטו של מקרא: וויבאלד דער פסוק זאגט שוין פריער "ויכס הענן את ההר", אז דער הר איז געווען מכוסה בענן, און "ויקרא אל משה גו' מתוך הענן" איז דא מובן מעצמו אז עליית משה אל ההר איז געווען דורכן ענן, - צוליב וואס דארף עס שטיין נאך אמאל "ויבא משה בתוך הענן"?

דערפון איז רש"י מכריח, אז דער ענן וואס ווערט דערמאנט אין פסוק "ויבא משה גו'", איז עס ניט דער זעלבער ענן וואס ווערט דערמאנט אין די פריערדיקע



הנחה פרטית בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 391 הודפס ע"י אוצר החכמה

פסוקים, ווערט דאך די שאלה: וואס איז געווען אט דער ענן? זאגט רש"י "ענן זה (פון דעם פסוק) כמין עשן הוא".

דעם ענן וואס איז דערמאנט אין די פריערדיקע פסוקים און אין די פריערדיקע פרשיות דארף רש"י ניט מפרש זיין, זייער סייסט איז מובן אויך אן זיין פירוש: ס'איז געווען אן ענין רוחני של קדושה, וואס איז נתלבש געווארן אין א ציור פון אן ענן גשמי, און ווי ס'איז געווען דער עמוד הענן - אן ענין רוחני של קדושה (שלוחו של הקב"ה), בכדי "לנחותם הדרך", (ווארום כאטש אלע מאל איז "מהול' מצעדי גבר כוננו", איז אבער דא געווען דער חידוש, וואס מען האט במוחש געזען ווי "הוי' הולך לפניהם") וואס האט זיך אנגעטאן אין א ציור פון ענן גשמי, ביז ער האט מחשיך געווען דעם אור הראי' של מצרים.

משא"כ דעם ענן שבפסוק זה, וואס איז געווען אן אנדער סארט ענן, דארף רש"י מפרש זיין, און ער זאגט "ענן זה כמין עשן הוא".

פון וואנעט נעמט אבער רש"י צו זאגן, אז ער איז "כמין עשן"?

בכדי דאס צו פארשטיין דארף מען מקדים זיין נאך א קשיא אין פשוטו של מקרא: צווישן "ויקרא אל משה וגו'" און "ויבא משה בתוך הענן" איז פאראן נאך א פסוק, "ומראה כבוד ה' כאש אוכלה בראש ההר גו'", ולכאו' האט עס דער פסוק געדארפט זאגן אדער בתחלת הענין: גלייך נאך "וישכון כבוד הוי' על הר סיני" - צו מפרש זיין אז דער מראה פון אט דעם כבוד הוי' איז געווען "כאש אוכלת גו'", אדער בסיום הענין: נאך דעם ווי עס ווערט שוין דערציילט אז "ויעל משה אל ההר ויהי בהר וגו'" - צו דערציילן אז אויף דעם הר האט שוכן געווען כבוד הוי', וואס זיין מראה איז געווען "כאש אוכלת", עס איז אבער ניט קיין ארט אריינצושטעלן "ומראה כבוד הוי'" צווישן "ויקרא אל משה" און "ויבא משה", צווישן "ויקרא" און "ויבא" איז דאך ביתניים ניט געווען קיין ענין חדש, גלייך ווי דער איבערשטער האט אים גערופן איז משה געקומען? פון דעם וואס דער פסוק "ומראה כבוד הוי'" שטייט בסמוך פאר "ויבא משה בתוך הענן", איז מוכרח אז דער ענן איז געווען "כמין עשן" - דער עשן איז געקומען פון דער "כאש אוכלת", וואס שטייט אין פריערדיקן פסוק.

(און דאס איז נאך א הכרח צום פירוש פון רש"י אז "ענן זה" איז ניט דער זעלבער ענן וואס ווערט דערמאנט פריער, וויבאלד אז דער "ענן" פון די פריערדיקע פסוקים שטייט פאר "ומראה כבוד הוי' גו'", און "ויבא משה בתוך הענן" איז פארבונדן, כנ"ל, מיט "ומראה כבוד הוי'" איז א ראי' אז די פסוקים ריידן ניט וועגן דעם זעלביקן ענן).

דערמיט איז אויך זייער גוט מובן דער דיוק דער לשון הכתוב "כאש **אוכלת**", ביי דעם מראה פון כבוד הוי' איז דאך לכאו' ניט נוגע צו זאגן "כאש אוכלת", ס'איז נוגע אז דער כבוד הוי' האט אויסגעקוקט ווי פייער, אבער וואס קלעפט אהער דאסווארט "אוכלת" נאר וויבאלד אז דער פסוק איז א הקדמה צום פסוק שלאחריו "ויבא משה בתוך הענן", צו דערציילן אז דער ענן איז געווארן פון דעם אש, דארף דער פסוק מדגיש זיין "כאש אוכלת" - פון אש אליין ווערט ניט קיין עשן, דער עשן קומט פון דעם וואס וואס דער פייער איז מכלה און פארברענט די זאך אין וועלכער ער ווערט נאחז: מצד דעם וואס דער דבר הנשרף - א דבר גשמי, וואס איז מנגד צו דער רוחניות האש - ווערט נאכל ונכלה אין דעם אש, ווערט דערפון געשאפן אן עשן, און וואס מער דער דבר הנשרף איז מנגד צום אש, אלץ גרעסער איז דאן דער עשן, און אין דעם איז אש שלמעלה ענלעך צו אש שלמטה, אז דער עשן קומט ניט פון דעם אש אליין נאר פון דעם דבר הנשרף, דעריבער איז דער פסוק מדגיש אז דער "מראה כבוד הוי'" איז געווען "כאש אוכלת".



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 392 הודפס ע"י אוצר החכמה

ואעפ"י אז אש שלמטה איז בטבעה "אש אוכלת", דארף דא די תורה זאגן בפירוש "כאש אוכלת", ווייל אש שלמעלה קען אויך זיין ניט קיין "אש אוכלת" (און ווי די אש שעל המזבח, וואס האט אוכל געווען די קרבנות, אבער האט ניט אוכל געווען דעם מזבח, וואס דעריבער, כאטש דער מזבח איז געווען בלויז כעובי דינר זהב, האט אים גארניט געשאדט דער אש שלמעלה הגם דער אש איז אויף אים געווען במשך פון פונדערטער יארן).

עפ"ז איז אבער ניט מובן: א) וואס זאגט רש"י "ענן זה כמין עשן הוא", ער איז דאך געווען עשן ממש און ניט בלויז "כמין עשן"? ב) פארוואס זאגט דער פסוק "ויבא משה בתוך הענן", און ניט "בתוך העשן"?

וועט מען עס פארשטיין בהקדים וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר פרעגט אויפן פסוק "והר סיני עשן כולו מפני אשר ירד עליו הוי' באש": א) סיבת העשן איז דאך ניט פייער, נאר דער דבר הנשרף, און וויבאלד אז אויפן הר סיני איז ניט געווען קיין אילנות און ניט קיין דשאים ועשבים, ס'איז בלויז א הר פון אברים וואס ווערן ניט נכלה - איז פון וואס איז געווארן דער עשן? ב) טבע האש איז דאך עלי', היפך הירידה, און בכדי אש זאל זיין במציאות, מוז ער אנגעהאלטען ווערן אין א פתילה צי אן אנדער דבר הנשרף, היינט ווי איז געווען "ירד עליו הוי' באש", בשעת ס'איז ניט געווען אין וואס דער אש זאל נאחז ווערן (ווארום אבנים זיינען ניט קיין דבר הנשרף, כנ"ל) און ווי איז דער אש געווען במציאות אויפן בארג סיני?

און דער רבי ענטפערט: דער ענין פון מ"ת איז, אז א איד זאל בעבודתו משנה זיין זיין אייגענע טבע און טבע העולם, און מאכן פון זיך א מכון לשבתו ית', איז גלייך ביי מתן תורה, האט דער אויבערשטער באוויזן דעם וועג פון שינוי טבע הבריאה, אז א) "הר סיני", כאטש ער איז פון אבנים - "עשן כולו", ב) "מפני אשר ירד עליו הוי' באש" - היפך טבעו בטבע - העלי'.

ועפ"ז וועט מען פארשטיין וואס עס שטייט אין אונזער פסוק "ובתוך הענן", און וואס רש"י זאגט "ענן זה כמין עשן הוא", "עשן" ממש קען מען אויף דעם ניט זאגן, ווייל אן עשן ווערט בלויז פון דעם כליון פון א צומח, ניט פון דומם, מען זאגט אבער "כמין עשן הוא", דער ענן פון דעם דומם דהר סיני איז געווען אזוי ווי אן עשן וואס ווערט פון א צומח ווען ער ווערט נשרף באש גשמי, - "מפני אשר ירד עליו הוי' באש".

סו. עפ"י הנ"ל וועט מען אויך פארשטיין, וואס די ווערטער "ועשה לו הקב"ה שביל בתוכו" קומען בהמשך צום פריערדיקן "ענן זה כמין עשן הוא": וואלט מען געלערנט אז דאס איז דער זעלבער ענן פון די פריערדיקע פסוקים, וואלט מען אים גארניט געדארפט מפרש זיין, ווארום דאן איז קיין פלא ניט וואס משה איז געקומען אין ענן (ואדרבה, ווי גערעדט פריער, אז משה האט עולה געווען נאך העכער פון ענן, פריער איז משה געווען למטה מהענן, דערנאך "נגש אל הערפל" ונתחבר עמו, און דערנאך האט ער עולה געווען "לפנים משלש מחיצות" - נאך העכער פון דעם ענן), וויבאלד אבער אז "ענן זה כמין עשן הוא", וואס אין עשן איז פאראן דער פיח, די סאזשע וואס קומט פון דעם יסוד העפר שבדבר הנשרף, וואס דעריבער זעט מען במוחש אז בשעת מען האלט א פינגער אין עשן ווערט דער פינגער איינגעריכט (און דאס ברענגט זיך אויך אין הלכה, בענין הגעלת כלים, אז פאר דער הגעלה דארף מען די כלים אפרייניקן פון עפרורית העשן) - שטעלט זיך די קשיא: בשעת משה איז געגאנגען בתוך הענן, האט ער זיך דאך געוויס איינגעריכט, און עס שטייט דאך ערגעץ ניט אז ס'זאל האבן געווען א ספעציעלע נס, בכדי ער זאל זיך ניט איינריכטן - איז ווי קען מען זאגן אז ער איז געקומען פאר דעם אויבערשטן, מקבל זיין די תורה, אן איינגעריכטער?

הגהה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 393 הודפס ע"י אוצר החכמה

דער דין איז דאך, אז קודם התפלה דארף מען רייניקן און וואשן פניו ידיו ורגליו, ואעפ"י, אז דאווענען דאווענט די נשמה - און וואס איז נוגע וואס עס סוס זיך מיט גוף? זעט מען דערפון, אז דער כבוד פון ממה"מ הקב"ה, פאר וועמען מ'איז מתפלל, פאדערט אויך דעם נקיון הגוף (וואס אויף דעם איז פאראן דאך אויך די הוראה פון רבי'ן במכתבו - ובפרט לתלמידי הישיבה - אז מען זאל שטארק אכטונג געבן אויף נקיון הגוף, ובפרט צו האלטן ריין און פוצן די-ציינער בכל יום ויום, לבד בשבת ויו"ט, נאר ווי ביי אלע הוראות מפורשות, שטעלט זיך אויך דא דער יצר הרע אנטקעגן - מאמר המוסגר). ובדוגמת הטעם וואס דער כה"ג האט געדארפט האבן בגדים לכבוד ולתפארת, ווייל וויבאלד ער האט געדארפט טאן זיין עבודה לפני ולפנים, איז דער כבוד פון דעם אויבערשטן פאדערט אז דער וואס איז אים משמש זאל טראגן שיינע בגדים, בגדי תפארת בגשמיות.

האט דערפאר רש"י'ן געארט: ווי קומט עס וואס משה איז דורכגעגאנגען דורכן ענן, וועלכער איז געווען כמין עשן, און האט זיך דערנאך געקענט שטעלן לפני הקב"ה? ער האט זיך דאך מסתמא אויסגעשמירט אין דעם עשן, אויף דעם זאגט רש"י ביין, ער האט זיך כלל ניט איינגעריכט, ווייל "עשה לו הקב"ה שביל בתוכו" און ער איז געגאנגען אין דעם שביל, האט ער במילא א ריינער געקענט עולה זיין אל ההר, און רש"י בעמט עס ארויס פון לשון הכתוב אז ס'איז געווען א שביל: "בתוך הענן", מיינט צווישן דעם וואלקן, כלשון הכתוב "בתוך הים", וואס מיינט צווישן דעם ים, ווארום "והמים להם חומה מימנם ומשמאלם".

**טז.** דאס אלץ איז דער פשוטו של מקרא פון פירוש רש"י, ווי געזאגט אבער פריער, איז אין פירוש רש"י אויך פאראן ענינים מופלאים, ביז "יינה של תורה".

עס שטייט אין חסידות, אז עש"ן איז ר"ת עולם שנה נפש, וואס דאס איז כללות כל ההשתלשלות, און אין דעם זיינען דא צוויי ענינים: א) השתל' מצד עצמה ווערט אנגערופן עש"ן. ב) די העלאה פון השתל', ווי אלץ איז עולה למעלה, "מפני אשר ירד עליו הוי' באש", מצד דעם גילוי שלמעלה וואס איז "אוכל" ומכלה די ישות און פועל'ס א ביטול אין השתל', שטייט כל ההשתל' אין אן עלי', בדוגמת עליית העשן גשמיות, און דאס איז דער חילוק צווישן "ענן" מיט עשן, "ענן" ברוחניות איז המשכת אלקות מלמעלמ"ט, און "עשן" איז העלאת ההשתלשלות מלמטה למעלה, און וויבאלד אז דאס איז די העלאה פון עולמות - איז אפילו לאחרי עליותם פארבלייבט עפרורית ועכרורית, בדוגמת העשן בגשמיות.

דאס איז אויך וואס במ"ת איז געווען דער אויפטו אז ס'איז געווען עשן אויך פון דומם: דער תכלית פון מ"ת איז דאך צו אויפהויבן כללות השתל', במילא מוז מען אנהויבן די העלאה פון דעם דומם, ווארום אויב מען זאל מעלה זיין נאר פון דעם מיטן, וועט דאן דער מטה בלייבן ניט אויפגעהויבן, וכידוע במשל הלייוער.

וואו איז אבער "מראה כבוד ה' כאש אוכלת" - "בראש ההר": פריער איז פאראן די העלאה פון דומם מצד עצמו, כללות העפר קלייבט זיך צוזאמען און איז עולה אין "הר", און אין הר גופא - אין "ראש ההר", און נאך דער עלי' פון נבראים מצד עצמם קומט די עלי' וואס ווערט אויפגעטאן דורכן גילוי אור מלמעלה - אש הוי'.

**יז.** די הוראה מהנ"ל בעבודתינו:

פאראן אזוינע וואס טענה'ן, מה לי ולדברים התחתונים? אויב שוין יא ארפלאזן זיך, איז אין בחי' "חי", אדער אפילו נאך נידעריקער - "צומח", אבער ניט האבן צו טאן מיט "דומם", וואס איז א מציאות חומרי ביותר און האט אין זיך ניט קיין חיות, ביז אז (מצד טבעו) - אפילו ווען ס'איז מאיר אש הוי' - כאפט זיך


הנחה פרטית בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 394 הודפס ע"י אוצר החכמה

אין אים ניט אן דער אש, איז וואס דארף איך האבן צוטאן מיט אזוינע דברים תחתונים? זאגט מען אים, אז מען מוז פועל'ן אן עשן והעלאה אויך פון די דברים תחתונים ביותר, אין דעם איז אפהענגיק דער גאנצער ענין פון מ"ת, אײ, ווי קען ער דאס באווייזן צו מברר זיין אזלעכע נידעריקע ענינים? זאגט מען אים, אז דאס איז דער כח פון מ"ת - פועל'ן אן עלי' אויך אין דומם, כאטש ס'איז היפך טבעו.

טענה'ט ער אבער: גוט, מען גיט מיר סאקע כח אויף דעם, איך וועל זיך דאך אבער אויסשמירן אין בלאטע - כל המתאבק עם מנוול מתנוול כמותו, איז דאך גלייכער אז איך זאל זיך פורש זיין און ניט האבן צו טאן מיט דברים תחתונים? אויף דעם זאגט מען:

א) "עשה לו הקב"ה שביל בתוכו": די בחי' "משה" וואס אין דיין נשמה, עצם הנשמה, זי וועט זיך ניט פארשמירן, זי גייט דורך א שביל, זי איז אלע מאל באמנה אתו ית' און ווערט קיין מאל ניט נתגשם.

ב) און אפילו די כחות הגלויים, איז בפנימיות הענין, ווערן אויך זיי ניט פארשמירט, ווייל אין אמת'ן איז עס גאר קיין עשן ניט, ס'איז בלויז כמין עשן - עס קוקט נאר אויס אז עס איז אן עשן, אבער באמת איז עס גאר אן ענן.

ווארום באמת איז דאך א איד, ווער עס זאל נאר ניט זיין, איז ניט ער וויל און ניט ער קען זיין א נפרד פון אלקות, וכפסק דין הרמב"ם, אז אפילו דער וואס וויל ניט מקיים זיין מצוות ה', איז עס בלויז ווייל יצרו הרע אנסו, וואס דער רמב"ם רעדט וועגן אזא אידן וואס ב"ד דארף אים כופה זיין דורך גוים און אויך אויף אים זאגט מען, אז בפנימיות, איז ער טוב.

בלויז בשביל ענין הבחירה איז נדמה לעינינו אז ס'איז דא א העלם והסתר, ווייל אויב עס וואלט זיך געזעהן דער אמת, וואלט דאך ניט געווען קיין בחירה, וואס צוליב דעם זעט זיך ניט בגילוי קיין קדושה, און ווי הרה"ק מבארדיטשוב האט געזאגט: וואס וויל דער אויבערשטער האבן פון די אידן? אז דעם ג"ע האט ער באהאלטן אין ספרים, און תאוות עוה"ז האט ער אוועקגעשטעלט פאר די אויגן! נאר דאס איז בכדי ארויסצורופן בא די אידן עבודה פנימית.

ונמצא, אז דער העלם גופא קומט דאך פון קדושה און באמת איז עס גאר אן "ענן" (קדושה), ער קוקט סאקע אויס ווי "עשן", אזא דבר חומרי וואס אפילו לאחרי עליותו בלייבט איבער זיין עפרורית, ועכרורית - אבער דאס איז בלויז וואס נראה לעינינו, און בפנימיות הענין איז עס אן "ענן" של קדושה" ווארום דער גאנצער תכלית זיינער איז בשביל הוספת אור בקדושה.

און דאס זאגט מען, אז דורכן עשן מוז מען גיין, אן דעם קען מען ניט מקבל זיין די תורה, אפילו משה רבינו - ובכאו"א, אפילו משה שבנפשו - האט ניט געקענט מקבל זיין די תורה, אן דער הקדמה פון "ויבא משה בתוך הענן", ואעפ"י אז לשעה ובחיצוניות איז עס א העלם - איז אבער דוקא דורך דעם קומט מען צו "ויהי בהר ארבעים יום וארבעים לילה", וואס "יום" איז מקרא, און "לילה" איז משנה ובריי‏תא וכו' ביז צו "ועלמות אין מספר".

און די התאחדות מיטן אויבערשטן וואס עס ווערט דורך לימוד התורה, איז מען ממשיך שפעטער אויך בגופו ובחלקו בעולם, וואס דאס איז דער המשך, אז פון פרשת משפטים גייט מען אריבער אין פ' תרומה - "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" (וכדיוק רז"ל "בתוכו לא נאמר אלא בתוכם בתוך כאו"א מישראל"), אז אויך פון די דברים



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 395 הודפס ע"י אוצר החכמה

הגשמיים, זהב וכסף וגו׳, מאכט מען א מקדש לו ית׳, וואס דורך דעם פירט מען אויס די כוונה פון נתאוה הקב"ה להיות לו ית׳ דירה בתחתונים.

* * *



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 396 הודפס ע"י אוצר החכמה